קלעמעניש האָב איך צו אייך געשריבן און מיט
אַ סך טרערן, נישט כדי אייך מצער צו זיין, נאָר
כדי איר זאָלט דערקענען די ליבע, וואָס איך
האָב אין אַ שפּעדיקער מאָס לגבי אייך.
5 נאָר אויב עמיצער האָט באַטריבט, האָט ער
באַטריבט נישט מיך, נאָר טיילווייז אייך אַלע—
6 כדי איך זאָל (אים) נישט צו שווער באַלאַסטן—פאַר
אַזעלכן איז גענוג די שטראָף, וואָס ער האָט באַקומען
7 פון דער מערהייט; אַזוי, אַז להיפּך איר זאָלט אים
ליבער מוחל זיין און טרייסטן, כדי דער זעלביקער
זאָל נישט פאַרזינקען אין איבערמאָסיקן צער.
8 דערפאַר בעט איך אייך, איר זאָלט באַשטעטיקן
9 אים (אַרויסצואווייזן) ליבע. וואָרום פאַר דעם
דאָזיקן צוועק האָב איך געשריבן, כדי איך זאָל
וויסן אייער אויספּרוּוואונג, צי איר זענט געהאָרכ-
10 זאַם אין אַלעם. און וועמען איר זענט מוחל, בין
איך אויך (מוחל); וואָרום וואָס איך האָב אויך
מוחל געווען, האָב איך עס מוחל געווען צוליב אייך
11 פאַר דעם משיח, כדי מיר זאָלן נישט באַטריגט ווערן
פונם שטן, וואָרום זיינע איינפאַלן זענען אונז נישט
אומבאַקאַנט.
12 און ווען איך בין געקומען קיין טראָאַס פאַר
דער גוטער בשורה פון דעם משיח, און אַ טיר איז
13 מיר געעפנט געוואָרן אין דעם האַר, האָב איך נישט
געהאַט קיין מנוחה אין מיין גייסט, ווייל איך האָב
נישט געפונען מיין ברודער טיטוס; נאָר האָב מיך
געזעגנט מיט זיי און בין אַוועק קיין מאַצעדאָניען.
14 אַ דאַנק אָבער צו ג-ט, וועלכער גיט אונז תמיד
דעם נצחון אין דעם משיח, און אַנטפּלעקט דורך
אונז אומעטום דעם רֵיחַ נִיחוֹחַ פון זיין דערקענ-
15 טעניש. ווייל מיר זענען אַ רֵיחַ נִיחוֹחַ פון דעם משיח